**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/17/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווארנער האקול מעלדט נייע ריסאורסעס צו העלפן ניו יארקערס טרעפן קאריערעס אין סטעיט דינסט**

***סטעיט אגענטורן ארבעטן צוזאמען צו העלפן אנפילן וויכטיגע ארבעט מעגליכקייטן אין פאבליק סערוויס***

***מעגליכע קאנדידאטן קענען מיטהאלטן ווארקשאפס דורך נייע סטעיטברייטע קאריערע צענטערן און לערנען מער איבער טויזנטער פארשידענע ארבעט וואס זענען יעצט צו באקומען אין סטעיט רעגירונג***

***סטעיט ענטערנס עקזאמס אוועקגענומען פאר מערסטנס פאזיציעס וואס איז דא צו די פאבליק; אפצאל איז אוועקגענומען פאר איבערגעבליבענע עקזאמען דורכאויס 2025***

גאווארנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן אז עטליכע ריסאורסעס פאר ארבעט-זוכער זענען יעצט צו באקומען פארזענליך און דורכאויס געמיינדעס דורכאויס ניו יארק סטעיט צו שטיצן רעקרוטירונג פאר טויזנטער ליידיגע עפענונגען מיט ניו יארק סטעיט אגענטורן, פארברייטערנדיג צוטריט און געלעגנהייטן פאר פאטענציאלע ארבעט-זוכער, און פארלייכטערנדיג די וועג פאר די וואס זענען אינטערסירט אין א באלוינענדע קאריערע אין פאבליק דינסט בשעת'ן וואקסן און פארשטערקערן די עמפייער סטעיט'ס עקאנאמיע. די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ציווילע דינסט ( New York State Department of Civil Service) האט זיך צאמגעשטעלט מיט די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ארבעט ( New York State Department of Labor) איפצושטעלן די [צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג ( Centers for Careers in Government)] אין ספעציפישע ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ארבעט קאריערע צענטערן (New York State Department of Labor Career Centers), אריינרעכנענדיג א צענטער לעצטנס געעפנט אין די קאפיטאל ראיאן. דאס איז איינס פון די פילע פראאקטיווע איניציאטיוון ערמעגליכט צו די פאבליק און געפירט דורך די גאווארנער אנצופילן פאבליק סערוויס עפענונגען צו בעסער צופרידנשטעלן די געברויכן פון ניו יארקערס בשעת'ן בויען אויף איר אדמיניסטראציעס אנגייענדיגע שטיצע פאר סטעיט ארבעטער.

"עס איז געווען א פריאריטעט פון מיין אדמיניסטראציע צו שטיצן די עקזיסטירנדע סטעיט ארבעטקראפט און פארשטערקערן זייערע ראנגען דורך פארמינערן אפהאלטונגען צו ארבעטגעבונג און פארלייכטערנדיג מער ווי אלעמאל צו זוכן א ארבעט מיט ניו יארק סטעיט," **האט גאווארנער האקול געזאגט.** "פאבליק דינסט איז א נאבעלע קאריערע, און סטעיט איינגעשטעלטע מאכן א שטארקע טויש אין די לעבנס פון מיליאנען פון ניו יארקעריס טעגליך - און איך מוטיג די בעסטע און קלוגסטע זיך צוצושטעלן צו סטעיט דינסט און מאכן א פאזיטיווע ווירקונג אין זייערע געמיינדעס היינט."

אין אלבאני, איז די פארבינדענע אגענטור צענטער פאר קאריערעס אין רעגירונג איינס פון 10 איינריכטונגען דורכאויס די עמפייער סטעיט וואו פראפעסיאנעלע אפטיילונג פון ארבעט און אפטיילונג פון ציווילע דינסט שטאב ארבעטן צוזאמען צוצושטעלן פולשטענדיגע שטיצע צו העלפן ארבעטזוכער אין זייער ארבעט זוכונגען דורך זיי העלפן לערנען איבער די סטעיט'ס ציווילע דינסט זכות און ארבעט קלאסיפיקאציע סיסטעמען, ווי אויך די ניו יארק אננעמען פאר עמערדשענסי באגרעניצטע פלאצירונג דורכאויסאויס די סטעיט ( New York Hiring for Emergency Limited Placement Statewide, NY HELPS) פראגראם. מעגליכע קאנדידאטן קענען באזוכן די צענטער פאר קאריערעס אין רעגירונג [וועבזייטל](#) צו זען פארשטייענדע ארבעט פעירס און וואַרקשאַפּס צו לערנען איבער קאריערעס אין פאבליק דינסט.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו לעיבאר קאמישינער ראבערטא רערדאן האט געזאגט,** "קאריערעס אין פאבליק דינסט שטעלט צו סטאבילקייט, קאנקורירנדע געהאלט און גוטע בענעפיטן. איך מוטיג ניו יארקערס צו באזוכן די צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג, וואס געפינט זיך אין צען קאריערעס צענטערן דורכאויס די סטעיט, אויסצוגעפינען מער איבער ערמעגליכטע ארבעט געלעגנהייטן וואס וועלן זיי העלפן בליען אין די גלאבאלע עקאנאמיע."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון ציווילע דינסט קאמישענער און פרעזידענט פון די ציווילע סערוויס קאמישן טימאטי ר. הוגועס האט געזאגט,** "האסטו אלעמאל געוואלט א סטעיט ארבעט, אבער נישט זיכער וואו אנצופאנגען? די אפטיילונג פון ציווילע דינסט און די אפטיילונג פון לעיבאר קענען העלפן. אונטער גאווארנער האקול'ס פירערשאפט, איז די שטאב פון ציווילע סערוויס איבערגעגעבן צו פארמינערן אפהאלטונגען און טרעפן ארבעט זוכערס וואו זיי זענען, בשעת'ן אויסקלארן די אפליקאציע און אויפנעמונג פראצעדור צו בויען אן ארבעטקראפט וואס איז אן אפשפיגלונג פון פילע פארשידענע פנים'ער, שטימעס, הינטערגרונדן, און געדאנקען פון די וואס מיר סערווירן."

אפטיילונג פון ציווילע סערוויס צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג שטאב שטעלט צו פראאקטיווע אויסגרייכונג צו זייערע ארומיגע געמיינדעס און לאקאלע ערציאונגס איישטאלטן, טייל פון די סטעיט'ס סטראטעגישע רעקרטוריונג באמיאונגען צוצוציען און בויען פארשידענע קאנדידאטן צו פאבליק סערוויס קאריערעס.

שטאב ביי די צענטערן העלפן ארבעט זוכער צו לערנען איבער די פארשידענע געלעגנהייטן אין פאבליק סערוויס און וויאזוי און ווען זיך אנצוגעבן, בשעת'ן אויך צושטעלן פארבעסערטע ריסאורסעס צו יעצטיגע סטעיט איינגעשטעלטע אין זייער דעקונג געגנט צו פארשטערקערן קאריערע מאביליטעט און איבערטראגן געלעגנהייטן. דאס געבט צו צו די ווייט-ארומנעמענדע קאריערע אנווייזונג ערמעגליכט אין אלע 100 [קאריערע צענטערן](#)דורכאויס ניו יארק וואס דינט צו פארבינדן אינדיווידועלן צו טרענירונג און קאריערע וועגן אין סיי די פאבליק און פריוואטע סעקטארס.

געמיינדע-באזירטע ארגאניזאציעס און ערציאונגס איינשטאלטן קענען זיך פארבינדן מיט זייער לאקאלע ציווילע דינסט פארשטייער צו באשטימען ווארקשאפט און אינפארמאטיווע סעסיעס פאר די געגנטער וואס זיי סערווירן. אינטערסירטע ארבעט זוכער, סטעיט איינגעשטעלטע און לאקאלע גרופעס קענען באזוכן די [צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג וועבזייטל](#) אדער אימעיל [CCG@cs.ny.gov](mailto:CCG@cs.ny.gov) פאר מער אינפארמאציע און זיך איינצושרייבן פאר ווארקשאפט.

ציווילע דינסט שטאב שטופט אויך און פארבעסערט די אננעמונג פון אינדיווידואלן וועטעראנען מיט אינוואלידקייטן, און שטיצט רעקרוטירונג באמיאונגען פאר קריטישע שווער-צו-רעקרוטירן פאזיציעס און עפענונגען, אדרעסירנדיג מאנגל אין פאבליק דינסט פאזיציעס דורכאויס די סטעיט ארבעט קראפט.

די פאַרבינדענע צענטערן זענען נאָר איינס פון די פילע איניציאַטיוון וואָס גאווארנער האקול האט געפירט זייט איר נעמען די אפיס צו פאַרשטערקערן און שטיצן ניו יאָרק'ס פּאַבליק אַרבעטקראַפט.

פריער אין יאר, האט די גאווערנער געמאלדן א פארברייטערונג פון די ניו יארק העלפס פראגראם צו העלפן אגענטורן אנפולן ליידיגע פאזיציעס אפן צו די באפעלקערונג כדי די סטעיט זאל בעסער נאכקומען די געברויכן פון ניו יארקער. זייט דער פראגראם'ס גרינדונג אין 2023, זענען מער ווי 20,000 ניו יארקער אויפגענומען געווארן צו די HELP פראגראם, ערלויבנדיג די סטעיט און לאקאלע רעגירונגען צו שנעל אנפולן וויכטיגע ראלעס.

די ניו יארק HELPS פראגראם נעמט צייטווייליג אוועק די ציווילע דינסט עקזאם פארדערונגען פאר טויזנטער פון ליידיגע סטעיט ארבעט עפענונגען אפן צו די אלגעמיינע פאבליק. פאר די איבערגעבליבענע פאזיציעס וואס פארלאנגען עקזאמען, זענען אלע סטעיט עקזאם אפליקאציע צאלונגען זענען אוועקגענומען ביז דעצעמבער 2025 נאכפאלגנדיג אן אפמאך פארזיכערט דורך גאווארנער האקול אין די 2024 פיסקאלע יאר בודשעט.

צו מוטיגן די טויזנטער אפענע פאסטנס און די גאמע פון קאריערע געלעגנהייטן ערמעגליכט פאר אלע, האט דער אפטיילונג געלאזט לויפן א פארצווייגטע מארקעטינג און פאבליק וואכזאמקייט קאמפיין די יאר. דער קאמפיין איז געצייגט געווארן אויף דיגיטאלע און ארויס-פון-שטוב טשאננעלס אין ענגליש און ספאניש און באווייזט די ווירדיגקייט פון פובליק סערוויס, און די בענעפיטן פון פארשידענע געלעגנהייטן צו באקומען אין סטעיט גאווערנמענט. קאמפיין ווידעאס אנגעפאנגען אין מאי, מיט נייע ווידעאס צוגעלייגט די זומער, און זענען [צו באקומען אנליין](#).

גאווארנער האקול האט אויך גענומען נאך שריט צו שטיצן און פארשטערקערן די סטעיט ארבעטקראפט, אזוויי דערהייבן די יארן-לאנגע סטעיט איינשטעלונג פארפרירונג, פארברייטערנדיג געלעגנהייטן דורך די [גאווארנער'ס פראגראם צו אויפנעמען אינדיווידועלן און ווערטעראנען מיט אינוואלידקייטן (b/c/55)](#), און צושטעלן פינאנצירונג פאר נייע טעסטינג צענטערן דורכאויס די סטעיט.

**סטעיט סענאטאר נעיל ברעסלין האט געזאגט,** "א קאריערע אין פאבליק סערוויס קען זיין גאנץ באלוינענעד. די נייע קאריערע צענטערן וועלן העלפן פארמינערן אפהאלטונגען, מאכנדיג לייכטער פאר פאטענציאלע ארבעט זוכער צו טרעפן א ארבעט וואס איז צוגעפאסט צו זיי. איך אפלאדיר גאווארנער האקול, צוזאמען מיט קאמישענערס רערדאן און האגועס פאר זייער איבערגעגעבנקייט צו מאכן זיכער אז ארבעט געלעגנהייטן זענען לייכט צוצוקומען און ערמעגליכט פאר מענטשן וואס דארפן דאס."

**סטעיט סענאטאר ראבעט דשעקסאן האט געזאגט,** "היינטיגע מעלדונג צייכנט אפ א שטארקע מאמענט פאר ארבעט זוכער דורכאויס ניו יארק סטעיט. גאווארנער האקול"ס פירערשאפט, אין צוזאמענארבעט מיט די אפטיילונגען פון ציווילע דינסט און לעיבאר, פארברייטערט באדייטנד צוטריט צו פאבליק סערוויס קאריערעס - שאפנדיג וועגן וואס שלאגן פאר מער ווי נאר ארבעט, נאר געלעגנהייטן צו סערווירן און אויפהייבן אונזערע געמיינדעס. די איניציאטיוו שפיגלט אפ אונזער געמיינזאמע איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן סטעיט סערוויסעס און שטיצן עקאנאמישע וואוקס דורכאויס די עמפייער סטעיט. דאס איז די ניו יארק וואס מיר בויען, איין געלעגנהייט אויף א אמאל."

**סטעיט סענאטאר דשעסיקא ראמאס האט געזאגט,** "איך מוטיג אלע ניו יארקערס מיט א ברען פאר סערוויס אויסצונוצן די געוואלדיגע געלעגנהייט. א קאריערע אין ציווילע דינסט שטעלנט נישט נאר צו די געלעגנהייט באדייטפול צוצוגעבן צו אונזער סטעיט, נאר געבט אויך די סטאביליטעט פון א פענסיע און קוואליטעט בענעפיטן. איך וואלט געגאנגען דאנקען די גאווארנער, קאמישענער רערדאן, און קאמישענער

האגועז פאר זייער ארבעט צו עפענען קאריערער געלעגנהייטן אז מיר זאלן קענען בויען אונזער סטעיט'ס מיטל קלאס."

**אסעמבלימעמבער פאטריסיא פאהי האט געזאגט,** "איך מוטיג אלע ניו יארקערס און קאפיטאל ראיאן איינוואוינער צו באזוכן statejobs.ny.gov און די נייע צענטער פאר קאריערעס אין רעגירונג. מיט עטליכע ציווילע דינסט עקזאמען אוועקגענומען און עטליכע אפענע פאסטנס, איז די צייט קיינמאל נישט געווען בעסער פאר מעגליכע סטעיט ארבעטער אריינצוגיין אין די ארבעטסוועלט און פאבליק סערוויס. ניו יארק סטעיט נעמט יעצט אויף, און מיר ארבעטן צו פארזיכערן אז מער און מער ניו יארקערס פון א ברייטע רייע פון הינטערגרונדן האבן די געלעגנהייט אנצוהייבן א באדייטפולע קאריערער אין פאבליק סערוויס. איך לויב אויס גאווארנער האקול, קאמישענער רעדאן, און קאמישענער האגועז פארן אינוועסטירן אין די סטעיט ארבעטקראפט פון מארגן."

**אסעמבלימעמבער סטאקי פעפער אמאטא האט געזאגט,** "איך גלייב אז די מערסט באלוינענדע קאריערע איז אין פאבליק דינסט - און דורך די נייע צענטערן פאר קאריערעס אין רעגירונג, וועלן ניו יארקערס דורכאויס אונזער סטעיט האבן די מעגליכקייט צו גרינגער זיך אנגעבן און באקומען די געלעגנהייט. איך אפלאדיר די ארבעט פון אונזער גאווארנער און דאנק קאמישענער האגועז און קאמישענער רערדאן פאר זייער צוזאמענארבעט און איבערגעגעבנקייט צו אריינגעמען נאך ניו יארקערס אין אונזער פאבליק ארבעטקראפט."

צו לערנען מער וועגן ארבעטן פארן סטעיט פון ניו יארק און וויאזוי צו נעמען די נעקסטע שריט פאר א באלוינענדע קאריערע אין פובליק סערוויס, ביטע באזוכט די דעפארטמענט אוו ציווילע סערוויס וועבזייטל און פאלגט נאך דעם דעפארטמענט אויף פעיסבוק, אינסטעגרעם, X, און לינקדין.

ניו יארקערס וואס זוכן קאריערעס זענען אויך געמוטיגט אויסצונוצן די NYSDOL'ס פילע פריי-פון-אפצאל סערוויסע, אריינרעכענענדיג די ניי פארברייטערטעווירטואלע קאריערע צענטער, וועלכע נוצט די נייסטע טעכנאלאגיע צו העלפן פארבינדן ניו יארקערס צו טויזנער ארבעט געלעגנהייטן וואס זענען דא צו באקומען דורכאויס ניו יארק סטעיט. ארבעט זוכערס זענען געמוטיגט צו קוקן אויף די ניו יארק סטעיט ארבעט באנק, פארט-טיים אויפנעמונג געלעגנהייטן ארבעט באנק ( Part-Time Hiring Opportunities Job Bank), און ניו יארק סעזאנישע פאסטנס (NY Seasonal Jobs) דורכצוזוכן דשאבס צו באקומען דורכאויס די סטעיט. ניו יארקערס קענען אויך אויסקוקן אונזער קאריערע צענטער עווענטס און רעקרוטירונג קאלענדער זיך איינצושרייבן פאר ווירטואלע ווארקשאפט און ווירטואלע קאריערע פעירס.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן